STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10707

KAYLEKHDIKE VOKHN

Izi Kharik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



איזי כאריק

קײַלעכדיקע וואָכנ

צוגעגרייט אונ געקירצט
פאר דער שול כ—ק—נ

מעלוכע־פארלאג פונ ווײַסרוסלאנד
נאצסעקטער

1933 מינסק

רעדאקטער—דובראָװיצקי
טעכרעדאקטער—קארפינאָװיטש

אָפגעגעבנ אינ דרוקעריַ—דעמ 19/X—32 י.
אונטערגעשריבנ צומ דרוק—דעמ 20/II—33 י.
אויסגעזעצט—גרינהויז בריגאדע א. נ. מאָלאָטאָװ
פאראנט. קאָרעקטער פונ דרוקעריַ—שטריקמאנ

דרוקעריַ א. נ. סטאלינ

באשטעלונג 2676. טיראזש 4.000 גלאַװליטבעל 1117.

. . . . . .

צווייטע וואכטע.
דריטע וואכטע.
גייט א מאכנע
נאָכ א מאכנע.

אלע־אלע־אלע־אל
אלע גייענ צומ אחראל.[1]
ס׳גייט דער פלייציקער אמבאל,[2]
ס׳גייט דער גרײַזער קאָמיסאר,
ס׳גייט דער יונגער בריגאדיר,
ס׳גייט דער רויטער קאָמאנדיר.
אלע מיר אונ אלע מיר:
איינ פארגלויבטער בריגאדיר.

ס׳גייט אהער סוראכאני,[3]
ס׳גייט אהער באלאכאני,
ס׳גייט אהער בינאגאדי,
ביבי־עיבאט אונ סאבונטשי.
אלע־אלע־אלע: — הי!
אלע־אלע־אלע: — מי!

אלע־אל אונ אלע־אל
אלע גייענ צומ אוראל.
ס׳גייט דער פערס מיט צימרינג־הויט,
ס׳גייט דער טיורק, געזונט ווי ברויט.

---

1) אוראל — אליארעמ אינ דער צײַט פונ א דורכרײַס.
2) אמבאל — טרעגער.
3) נעמענ פונ פארשטעטע ארומ באקו, ווו מע באקומט ארויס דעמ נאפט.

קאלעכדיקע וואכנ.

ס'גייט דער רוס, אונ דער גרוזינ,
אונ דער מײַסטער פונ בערלינ,
אונ דער גארבער פונ סמאָרגאָנ,
די גארבארעס,
די מאליארעס,
מאָטאָריסטנ, טראקטעריסטנ,
אונ די שטרענגע מעטאליסטנ
אלע־אלע קומענ אָנ.
אלע־אלע־אלע: — בויט!
אונ ווי כנא [1]) מעשונע־רויט,
ראנגלט זיכ די זורנע.
זורנע־טארע־טארע־טארע —
זורנע־טארע־קאמאנטשא.
אונ די כרויבנ—די טראָמבאָנענ
פלאטערנ, ווי בונטע פאָנענ,
העכער פונ אָרקעסטער.

האָט די פידל הויכ דאָס קעפעלע פארהויבנ:
— פײַנ. פײַנ.
האָט די פידל הויכ דאָס קעפעלע פארבויגנ:
פײַנ. פײַנ.
פידל־פײַנ.
פידל־פײַנ.
— מיר װעלנ אלע בויער זײַנ.

[1]) כנא—א פארב.

1. מאָכנ...

מאָנטיק־דינסטיק־מיטוואָכ־דאָנערשטיק און פרײַטיק,—
אלע טעג פארברידערטע און אלע טעג באפרײַטע.

קײַלעכדיקע מונטער־טעג, ווי בריגאדירנ גייענ,
אינ בוּיונג־בוי, אינ יאָנטעוו־בוי—א ליכטיקער קאָנווייער.

מיר וועלנ באלד ארויסגיינ דאָ אינמיטנ פונ א מאָנטיק,
פרייענ זיכ מיט אלעמענ אינ שטענדיקײַט פונ יאָנטעוו.

מיר וועלנ זיכ ארומקוקנ: קיינ שאבעס און קיינ זונטיק—
אלע טעג פולבלוטיקע און האָפּעדדיק־געזונטע.

עס וועלנ טעג פארמאָגנ דאָ אפ שענסטער פונ פלאנעטנ—
מעכטיקײַט פונ מוסקולנ און הערצער פונ פּאָעטנ...

פונ אוראלט ביז אוראלט אנ אייביקער מאָכ
עסט זיכ ארײַנ אינ די הימלענ.
דאָס לעבנ—איינ לאנגע פארומערטע וואָכ:
שווײַגעניש. שטומעניש. שימל.

קוקט דורכ די האָריקע כמארעס די זונ,
קענ זי די ערד ניט פארטראָגנ,—
ס'ווערט אזוי הייל און ניטהיימלעכ דערפונ,
נעמענ די כײַעס דאנ קלאָגנ.

זיי רעווענ, זיי ריטשענ אפ זייער געביינ,
מיט ווארעמע מײַלער זיי טאפּנ...
הערנער־געפלעט, צעעפנטע ציינ.
טומפּיקע שווערקײַט פונ לאפּעס.

פליעסקעט אינ וואסער דער זילבערנער העכט,
פרייט זיכ דער גילדענער שלײַענ.
און דאָרשטיקע יעגער נאָכ בלוט און געפעכט
גייענ ארומ דאָ פארטײַעט...

דער פישער פארוואַרפט דאָ זײַנ הארבסטיקע נעצ,
בא וועלפישע גריגער—דער יעגער.
און יעדערער גרייט דאָ אינ מאָכיקער נעצ
די הארטע צעוואַקסענע נעגל.

דאָ כאָלעמט זיכ יעדנ דער רייעכ פונ בלוט,
די נעזולעכער שמעקנ אינ גלוסטונג.
די גאנצענע ערד ליגט פארהראזניעט אינ ברוד
און אָטעמט מיט לײַדיקער פוסטקע...

עס יאָגנ זיכ אום נאָר צעבייזערטע וועלפ,
און מענטשנ פארטשאַטעטע לוגנ...
און ס׳לייגט זיכ דער הימל אזוי ווי א פעלב.
הונגער. געוואָי. און מעשוגע.

ליגט ערגעצ פארוואָרפנ א שטרויענע דאָרפ,
אינ שינערע שינדלעכ—א שטעטל,
די גאנצענע וועלט איז באוואַקסנ מיט טאָרפ,
וועט קיינער ניט קענענ שוינ רעטנ...

ס׳איז ערגעצ אינ הימלענ פארגאנגענ א גראַז,
און ערגעצ—א גוהיר און א סראָדע.
גאָר מיר זײַנענ עלנט, און מיר זײַנענ שלאַס,
און מיר זײַנענ—גאָרנישט־מיט גאָרנישט.

ווי ווארעמע מאָכנ דאָ הויערט דער שלאָפ,
ווי אייביקע טאָרפנ—דער דאלעס.
שטעטלעכ פארמאָגנ א טבוירענעם ראָוו,
דערפלעכ—א פלאַקסענעם גאלעכ.

הקוראוו—שאבעס—איז העכסטע נעשאָמע־יעסוירע,
זײַדענער פלאטער פונ ווײַסע מאלאָכים.
און זונטיק־ער יושעט, ווי ס׳יושענ כאזיירים,
געפרעסנ, געזויפנ און—אָנגעמאלאָכעט,

אָי, אונדזער שאבעס,
אָי, אונדזער שאבעס.

האַנאַלעך:—זונטיק איז גאָלדענער טריפּ פון איקאָנעס,
וואַרעמער ווײַרעך פון פּאַניקאַדילעס.
פּריִער אין קלויסטער, דערנאָך דער האַרמאָניק
דורך טענץ און דורך פרייד און ביז בענקשאַפט די שטילע,

אײ, אונדזער זונטיק,
אָי, אונדזער זונטיק.

— שאַבעס—אַ ווײַסער מיט פּעדעמלעך בלויע.
— זונטיק—אַ בונטער מיט רויטע קוטאַסן.
— זונטיק? ס׳איז גאָרנישט. כאַמוירים און גאָיִם.
— שאַבעס? ס׳איז גאָרנישט. פּאַרכאַטע און בלאַסע.

— אײַער שאַבעס,
אײַער שאַבעס —
שטויב. אש.
שיידים. מייסים. מעכאַשייפעס.
אַ שאַבאַש.
אַ שאַבאַש!

— היי, היי, היי.
אַ ייִד איז ניט קיין גאָי.
שיקער איז ער,
טרינקען מיז ער...
— טפוי!
— טפוי!

אָ־וואַ!—פון דער ערד ביז די הויכן.
אַר־וואַ!—פון די הויכן ביז־דאָ.
עס נידערט די גאָלדענע שאָ,
ווערט אַלץ מיט שאַבעס פאַרצייכנט.

דאָרט, הינטער הימלשן פּאַס,
קלײַבן זיך פויגעלעך־טפילעס.
און ס׳גרייט זיך אַ צנוע, אַ שטילע
די מאַלקע פון שאַבעס צו גאַסט.

פּאַמעלעך. פּאַמעלעך. פּאַמעלעך.
אַפּ טרעפּלעך פון פּאַרמעט זי נידערט.
און סטײַעס מאַלאָכימלעך העלע
זינגען פאַרצוקערטע לידער.

ס'טריפן די הימלען מיט זיסקייט,
מיט איידלקייט, מיט סיראדאָי.
און ס'באהאלט זיינע קרעמערשע שליסלעכ
דער יידישער גאָט—אדוינאָי.

שליסט מען שוין אונטן די קראָמען,
מע טוט אָן די שלעסער פארבענקט.
געלויבט איז דיין הייליקער נאָמען,
וואָס דו האָסט אונדז שאבעס געשענקט.

שאבעס, אָ, ווארעמער בוימל,
וואָס פליסט אין א רויִקער טייכ.
דו כוישוולסט די יידן איניינעם—
ברידער—סיי אָרעם, סיי רייכ...

דער בלייענער גרויל פון יארידן
צעגייט אין דעם הייליקן אייל...
אוי, גוט, וואָס דו האָסט אונדז פאר יידן
גאָט דאָ אפ דער וועלט אויסדערוויילט...

דו גיסט אונדז א וואָכ אפ געטומל,
שאבעס—אפ טייגעג און רו.
מיר זיינען איין הייליקע אומע
און אונדזער דערלייזער ביסטו.

געניייוועס, געוויין און פארדראָסן
ווערן מיט שאַלווע פארוועבט...

רויִקער.
שאבעס—
שאבאָסן
שפרייט זיכ אפ יידישע קעפ...

וווקסיק און ברייט איז די שטוב בא רעב־כעזקל פון גאָמבין.
וווקסיק געבויט און פארלייגט אפ א פעסטן פונדאמענט.
די טירן—פארהייבן. די שויבן—געשייערט. די מעבל—אין סאמעט.
שפאנט ער ארום, אָט דער כעזקל, מיט זעטיקער רו אפ דער גאָמבע.

פון מיירעוו געקומען. איצט מאכט ער פאוואָליע האוודאָלע.
— וועיטען לעכאָ מיטאל האשאָמאיִם אומישמאניי האָאָרעצ — — — —
די שפייכלערס באלאָדן מיט פלאקטן, מיט ווייצן, מיט קאָרן
און ס'כראָמשקען דעם גאָלדענעם האָבער די פערד אין סטאדאָלע.

עס וואַרטן די בעהיימעס אַפֿ מעלקן אין וואַרעמע שטאַלן
און טרייסלען גערעטן מיט פולע און וואַרעמע אייטער.
ציען זיך וועגן פֿון שטעטלעך און דערפֿעלעך ווייטע,
שטראָמען אהערצו און בלייבן צעטראָטן דאָ אַלע...

אים ברענגען די דערפֿער די ערשטלינגען־טוועס צופֿירן.
נאָך רוילעכע קערנער אין פֿיין און אין הונגער געדראָשן.
און שטעטעלעך שיקן דעם לעצטן, פֿאַרבלוטיקטן גראָשן,
זינגט ער פֿאַוואָליע:—אל־טירא, אל־טירא, אל־טירא!...

די פֿליטן צעלאָזן, שווימען זיי איצטער קיין דאַנציק.
און דאָרפֿישע יונגען אפֿ טייכן באַזינגען־באַוויינען די דאָליע.
אָט, שפּאַנט ער. אָט, גייט ער. אָט, זיצט ער. פֿאַוואָליע. פֿאַוואָליע.
און ס׳דאַכט: דער ריבוינעשעלוילעם אַפֿילע געהערט אים אינגאַנצן...

אי, גוט איז. אי, וווּיל איז. איצט נעמט ער אַביסעלע מאַשקע—
— לעכאיִם, לעכאיִם, און לעבן זאָל ווערן נאָך לייכטער.
קומען אַלמאָנעס און ברענגען געשייערטע מעשענע לייכטער.
— נאַט אייך, רעב־כעזקל, ניטאָ שוין קיין בעסערער מאַשקן...

ברענגען די שוסטער מאַשקאָנעס און בעטן אַנטלייען אַפֿ רימען.
קומען די שניידער און ברענגען די קעפּלעך פֿון זינגער־מאַשינעס.
— אי, גאָטעניו־זיסער, איך גיב דיינע אָרעמע יִדן פֿאַרדינען,
מיר זיינען מיט מיצווע‏ס פֿאַרפֿולט, ווי מיט יאָדרעס פֿאַרפֿולט איז דער רימוין... [1]

אי, גוט איז. אי, וווּיל איז. איצט נעמט ער אַ צווייטן לעכאיִם.
— הערסט, רעב־יעכעזקל, מיר וועלן דערלעבן, דערהאַרגן!
אָט, טרינקט ער. אָט, זיצט ער. אָט, שפּאַנט ער. אַ וואַרע! אַ וואַרע!
און ס׳שטראָמט אין די גלידער אַ שיקערער, פֿריילעכער פֿייער.

— היי, יִדן, היי גאָיִם, קאַבצאָנים־דאַלפֿאָנים־עוויונים,
נאַט אייך און טרינקט פֿאַר מיין קאָוועד אַ שטאַרקן לעכאיִם!
וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איך וואָלט אייך ניט וועלן אַנטלייען?—
איר וואָלט, ווי די קלאָווים צעפּייגערט—איר אַלע אַזעלכע־אַזוינע.

---

[1]) רימוין—אַ מילגרוים.

ליגנ אַפ טישנ — טאַלייסימ, כאַליאַהעס אונ גאָלדענע צלאָטימ,
בערדיקע פעלצנ, טורדוטנ אונ שטיקער פונ טומע...
האָט רעב כעזקל באַפוילנ דער רעבע זאָל קומענ, —
איז דער רעבע געקומענ פרומ, ווי אַנ אָמיינ.

איז געקומענ דער גאַבע, דער כאַזנ, דער שאַמעש:
— רעב־כעזקל, גוט־וואָכ אײַכ, רעב־כעזקל — יעכעזקל!
האָט מענ צעזעצט זיכ באַ טישנ געוועקסטע
נאָכאַמאָל פראַווענ דעמ איינעג שעל־שאַבעס.

האָבנ זיי צעזעצט זיכ אַלע באַ די טישנ
אונ האָבנ זיכ גענומענ פאַר די פליישנ אונ די פישנ
— אי, טשירי־בימ־באָמ,
— אי, טשירי־באָמ!

האָבנ זיי געטרונקענ פונ דער הייליקער פליאַשקע,
לעבנ זאָל, אי, לעבנ זאָל, אי, לעבנ זאָל די מאַשקע.
— אי, טשירי־בימ־באָמ,
— אי, טשירי־באָמ!

אונ זײַנענ אַלע בעגילופנדיק געוואָרנ,
האָבנ זיי געשיקט נאָכ די פריילעכע קלעזמאָרימ.
זײַנענ די קלעזמאָרימלעכ
געקומענ מיטאַמאָל.
פידל־פלייט
צימבל־באַס,
פידל־פלייט אונ פײַפיאַל.

האָבנ זיי צעשטעלט זיכ אַלע באַ דער טיר.
זיי ווילנ מעסאַמייעכ זײַנ דעמ רעבנ אונ דעמ גוויר.

— העפקער־הויל אונ העפקער־אָרעמ,
איר, די פריילעכע קלעזמאָרימ,
וואָס זשע זאָלנ שפּילנ אײַכ?
עפּשער שפּילנ אײַכ אַ פריילעכס?
עפּשער שפּילנ אײַכ אַ וואָלעכ?
עפּשער שפּילנ אַ „סטראַדאַניע“,
וואָס זאָל ריידנ, ווי אַ טײַכ?

— שפּיל, קאַפּעליע,
שפּיל, קאַפּעליע,
פונעם דיל אונ ביז דער סטעליע, —
שפּיל, שפּיל,
ווײַל רעב־כעזקל נאַכעס היל,
ווײַל דער רעבע כעדווע ויל.
— שפּיל,
— שפּיל!

האָבנ די קלעזמאָרים זיכ פאַרנומענ מיטאַמאָל —
זײַנענ זיכ די סמיטשיקעס פאַרגאַנגענ אַזוי זיס,
דער באַס האָט אָנגעהויבנ טרעטנ אַפּ די פיס
אונ ס'פּלאַטערנ שוינ פייגעלעכ אינ דינעם פײַפיִאַל.

האָט דער רעבע פאַרצויגנ אַ הייליקנ ניגנ:

— אי, טשירי־באָם,
— אי, טשירי־באָם,
באָם,
באָם!
קלינ־ג־לינ־גאַ־לעכ!
גלויבט—לויבט—אַ־אַ־לע!
גלעקער—קלינגענ,
גלעקער—קלאַנג.
גלאָק,
גלאָק!
מאָרגנ—כאָגע.
מאָרגנ—כאָגע.
כאַג—
כאָג
אײַער שאַבעס, אײַער שאַבעס—
שטויבנ! אַש־ש־ש—
שיידים־מייסים־מעכאַשייפעס—
אַ שאַבאַש,
אַ שאַ־באַ־אַ־ש.

אַלע, אַלע, אַלע, אַלע,
גלייבט אינ גאָט אונ גלויבט אינ גאַלעכ!
גאָט!

אונ דער גלאָק, דער וואָגיק־העכסטער,
ברומט אונ חיגט זיכ! ברומט אונ קרעכצעט— —
באָכ!
Бог!
אונ דער פיטעלער, דער דינער
פעט פארכליאָבעט זיכ אינ סינע!
זשיד—אונ זשיד—אונ כאלאמיד־ד־ד
זשיד—אונ זשיד—אונ כאלאמיד־ד־ד,
אונ דער יונגינקער, דער דינסטער,
רייצט זיכ פריילעכ אינדערפינצטער:
דינ,
דינ,
דינ.
דינ!
... סוויאַטאָהאָ דוכא! אונ—אמינ—נ—נ—

II. ווײנענדיקע ווײקנ זיכ...

ליגט א געגנט דאָ פארלאָרנ, גאָרע חעלט איז דאָ פארהאקט.
אלטע טראקטנ, טיפע באָרנ אונ א יונגינקער סאָסניאק.
פוילע פניאָקעס, ווײַסע פלײטנ אונ א בענקשאפט נאָכ א שטאָט...
דרײט א וועג אונ גײט־פארדרײט זיכ, אונ קײנ וועג איז שוינ ניטאָ.
קויטיק־כליופּיק. קויטיק־כליופיק. כלאם. שלעפ. כליפ.
ווידער טראקטנ. טאָפּעט־טופּעט. רעדער־סקריפּ.
כאלופּעס־כאטקעלעכ צעוואָרפנ. שטרוי. קינ. פּײַנ.
זינקענ געגנטנ אינ טאָרפג.

ווּאָס

ווּעט

זײַנ?

ווײנענדיקע ווײקנ זיכ,
ווײקנ זיכ די וואסערנ,
די וואסערנ די פוילע—
בא די פוילע ברעגעס אפ דער טײַכ ארעסע.

קומענ ווינטנ ווײענ דאָ,
קומענ וועלפ אונ וואָיענ,
ווײענ־וואָיענ־ווײנענ דאָ—
בא די פוילע ברעגעס אפ דער טײַכ ארעסע.

ווידו זא וואָראָטי—מכי די בלאָטי,
טויטע טאָרפנ פרײענ דאָ,
וויסטע וועלדער ווילדעוועג,
כוואליעס פארקלײעטע,
ווינטנ גרינ־פארווײעטע—
בא די פוילע ברעגעס אפ דער טײַכ ארעסע.

ווי איינזאמ איז ווײַסרוסלאנד דאָ.
ווי עלנט איז ווײַסרוסלאנד דאָ.

אז אָרעמ די כודאָבע
אונ כמאריק די פּאָגאָדע
בא די פּוילע ברעגעס אפּ דער טײַכ ארעסע,
איז ווער וועט אונדז דאָ קאָרמענענ,
אונ ווער וועט אונדז דאָ אָנפּאָיענ—
בא די פּוילע ברעגעס אפּ דער טײַכ ארעסע.

איז ווייע, וואָיע, ווארעמע זשאלייקע [1]),
עס וויינט אינ דיר דער פּיענ—דער בעלארוס
ביז וואנענ וועלנ מיר, ווי ליקע זיכ דאָ ווייקנ
אינ דער זאָלקער, אָפּגעלאָזטער רו.

אינ ווילדער וויסטעניש דאָ זינקענ טויטע וויאָרסטנ:
אונ מיט צינגא עס אָטעמט אונדזער מויל.
די ערד איז דאָ פארגאָסנ מיט קאראָסטע
אונ ס'איז די הייכ ביז מײַרעוו־פּאס צעפּוילט.

דער גאנצער קאנט—א שטיק פּארקלעפּטער קאָלטנ:
ניט דורכפּאָרנ, ניט דורכצוגיינ צופּוס.
עס האָבנ אימ, אפּאָנעמ, לאנג פארשאָלטנ:
איינ גאָט—פּערונ, דער צווייטער גאָט—ייסוס.

ווערבעס—
קארליקעס אונ ליליפּוטנ,
איר ווּקסיקער אונ כמארע־רויכ,
די ערד פארבראקניעט דאָ מיט קראנקע בלוטנ
אונ ווילגאָשטש [2]) רויכערט זיכ ביז וואָלקנ־הייכ.

ספּאגנומ [3]) פּאָשעטער, ספּאגנומ טײַערער,
ספּאגנומ—לעבעדיקער־טויטער מאָכ,
עס בראָדזיענ אומ אפּ דיר פּארקילטע פּײַערנ
אונ ביבערס וויינענ דאָ ביז גרײַזנ בראָכ...

[1]) זשאלייקע—אנ אמאָליקער מוזיקאלער בלאָז־אינסטרומענט. באשטייט פּונ אנ אָקסנ־האָרנ מיט ארײַנגעשטעלטע צוויי טשערעט־דודקעס מיט עטלעכע לעכלעכ.
[2]) ווילגאָשטש—נאסקײַט, פּײַכטקײַט.
[3]) ספּאגנומ—אזא מאָכ.

אזא קאליעלע דאָ, אזא פארטײַעטקײַט,
דער געגנט טרייסלט זיך אונטער די פיס.
און ס׳ליגט א פויערל בא טוכלע שײַטערנ—
א פולער טולופל מיט רעוומאטיזם...

ניט מע אקערט דאָ און ניט מע בראָנעוועט.
בערנ־טומפיקײַט און פיקס־געלאפ.

אפ פאָלעוואניע [1]) נאָר
קומט צופאָרנ ווענ
מיט א כאליאסטרע הינט
דער יונגער גראפ.

הונדערט וויאָרסט אינדערלענג,
הונדערט וויאָרסט אינדערברייט.
ניט פארהוליעט נאָך אָט דעם מאיאָנטעק.
אינ א מירמלנעם שלאָס—
א גינגאָלדענער דיל,
אפ דעם גילדענעם דיל,
קלאָר־קרישטאָלענע בענק,
אינ דעם מירמלנעם שלאָס,
אפ דעם גילדערנעם דיל,
אפ קרישטאָלענע בענק,
אײנ כוידעש אינ יאָר
קומט דער גראפ און ער פראוועט דאָ יאָנטעף.

פונ די בעדער, צי וואָס?
פונ די בעלער, צי וואָס?
קומט דער גראפ אָנ אינ מארדערס פארקוטעט.

ווערט גלײַך ליכטיק אינ שלאָס,
ווערט גלײַך הילכיק אינ שלאָס,
געטראנק און קרעדענצ,
און קלעזמאָרים און טענצ,
און אינ גילדערנע קרענצ...
כ׳וואָלט דערציילנ פונ—דאָס,
כ׳וואָלט דערציילנ פונ—יענצ,
נאָר איך וויל ניט.
גענוג:
עס סי סקוטש־נע־ע־ע.

[1]) פאָלעוואניע—געיעג.

אונ דער גראַפ האָט זײַנ קאָניוכ נאָכ מערער געליבט,
ווי דעם פערד אינ די גילדערנע עפּל.

הארבסט. ווענ דער געגנט פלעגט זינקענ אינ כליפּ,
אינ ווײַסנ, ווײַסרוסישנ נעפּל,
פלעגט ער דעם קאָניוכ דאנ רופנ צו זיכ,
הייסנ אים אָנטאָנ סאפּיאַנאָווע שיכ
אונ טאנצנ אפּ שפּיגל־פּארקעטנ.

דער צימבל פלעגט צימבלענ,
די דודע פלעגט בעטנ,
אונ דער קרעפּטיקער קאָניוכ אינ איידעלע שיכ
פלעגט טאנצנ אלצ העכער־אונ גיכער־אונ גיכ,
ביז אינ אויג פלעגט זיכ מישנ מעשוגע די ליכט
אונ אינ קאָפּ פלעגט אים ווערנ שטאָק־פינצטער.

אוי, דער גראַפ האָט זײַנ אייגענעמ קאָניוכ געליבט,
נאָכ מער פונ דעם איידעלנ פינטשער.

אונ פלוצלונג אינ הייסער צעהוליעטער שפּיל
האָט דער קאָניוכ געגעבנ מעשוגע א בריל
אונ א שפּײַ אפּ די ווענט אונ א כראַק אפּנ דיל,
אז געוועזנ איז א וויסטער ביזאָיענ...

אונ פארטאָג, ווענ דער קאנט האָט גענומענ שוינ גרויענ,
אונ די נעפּלענ פונ נאכט ניט גערירט,
האָט מענ דעם קאָניוכ אינ סמאָלע פארשמירט,
האָט מענ דעם קאָניוכ אפּ טאָרפנ געשלעפּט
אונ ס'האָט זיכ די פּאטליע צומ שטערנ געקלעפּט,
צו די הייסע פארלאָפענע אויגנ...

אונ ווענ ס'האָבנ די טאָרפנ א מענטשנ דערשפּירט,
האָבנ זיי אים מיט א ווארעמענ כליפּ
לאנגזאמ אונ רויִק פארזויגנ...

אָי, דער גראַפ האָט זײַנ קאָניוכ נאָכ מערער געליבט,
ווי דעם אלטנ פארצײַטיקנ זייגער...

III. בריט!

... ניטאָ שוינ מער קיינ געגנטנ
פארווּרטיילט אונ פארקנעכטיקט.
קיינ שטעטכנ פארוואלגערטע
אינ לײדיקײַט פונ גרויל.
מיר האָבנ זיי מיט זיכערקײַט צעפלענערט אונ בארעכנט,
אופגעוועקט, דערהייבנ זיי. אונ אָנגעזאָגט זיי:
— בויי!

ניטאָ קיינ סאמאָיעדנ, קיינ געגנטנ —
פונ טארטנ,
פונ בולבענע ווײַסרוסנ,
פונ וואָנציקנ כאכאָל.
דרימלענדיקע רײַכקײַטנ, טיפ אינ דרערד פארשפארטע,
הערנ איצט דאָס אָנגרײַפנ פונ וואכנדיקנ שטאָל...

דנעפר־טראקטערבויענ —
לעגענדעס אינ פארמעסטונג,
שטאָל־מאגניטאָגאָרסקנ —
אינ רוישיקײַטנ פונ גרינס.
אונ טויזנטער זאגעסנ,[1]
אונ טויזנטער טשעגרעסנ[2]
האָבנ מיר ביז הימלענ אײַנגעשפאנט אינ דינסט.

ווערנ הענט באפרײַטע אונ הערצער ווּעלנ וואכ זײַנ
פאר יעדער מינדסטנ פלאטער פינ ווייענדיקנ ווינט...
אונ אינ די העכסטע דאָמנעס, אונ אינ די טיפסטע שאכטעס
וועלנ מיר אראָפלאָזנ דעמ קויעכ פונ מאשינ.
וועלנ טעג פארמאָגנ דאָ אפ שענסטער פונ פלאנעטנ —
מעכטיקײַט פונ מוסקולנ אונ הערצער פונ פאָעטנ...

---

[1]) זאגעס—טראנס־אוקאזער עלעקטרעסטאנציע.
[2]) טשעגרעס—טשעליאבינסקער עלעקטרעסטאנציע.

וויסטעניש אַף טויטע טאָרפֿן. אין וויסטעניש צעפֿוילטע האַ.
און ס'קריכן שטײַפֿע עקסקאַוואַטאָרס מיט ליאַפּעס ברייט־צעעפֿנט.
— האָם!

פֿונוויַטן—שלאַנק, די קעפּ פֿאַרהייבן, יונגע בושעלעס צעשטעלט,
פֿונאַנט—אין שטאָל געקאָוועט עסן זיי די פֿוילע פֿעלד.

ניט קיין בושעלעס די קעפּעלעך פֿאַרגראָבן טיף אין טאָרף —
עקסקאַוואַטאָרן אין שטאָלענעם,
אין שטאָלצן וואָרף,
די ווילדע וויסטעניש
צעפּרעסן און צעפּאַטערן.

אַ דריי דעם בלאָק—צעיאָגן זיך קאַנאַטן
און ס'טראָגט זײַן קאָפּ אַ יונגער עקסקאַוואַטאָר,

ער וואַרפֿט זײַן קאָפּ
פֿאַרשיקערט
און פֿאַרליבט
אַף טאָרף,
אַף מאָך און —
כליופּענדיק־און־כליפּ
אַ פֿולן מויל מיט טאָרפֿן אָנגענומען,
אַ פֿולן מויל מיט אוראַלט אויסגעשפּײַט...
און דער אַלטער אײַנגעוויגטער אומעט
גוואַלדעוועט אַף ראַכוועסן פֿון צײַט...

האָט מיקאָלע דער ברייטער און וווּקסיקער יונג
אין שטײַף אָגעצויגענער מײַקע
פֿון עקסקאַוואַטאָר געגעבן אַ הילכיקן שפּרונג
אַז אין ברוסט האָט געגעבן אַן אײַקע.

ער האָט זיך צום גראָבן געגעבן אַ וואָרף
און געבליבן אַ ווײַלע פֿאַרשטיינערט —
דער עקסקאַוואַטאָר פֿאַרמורזעט אין פֿליסיקן טאָרף
האַלט אַ סקעלעט אין די ציינער.

האָט אונטער די פּיאַטעס געבראָטן די ערד
און ס'האָט אים געהילכט אין די שלייפן,
און ער האָט זיך צעשריִען:—איי, בראַטצי, אהער!
זײַנען אַלע געקומען צולויפן

האָט איינער געטראַכט אַף אַ דינעם דיסקאַנט,
און האָט די פאַרטראַכטקײַט צעריסן:
— אַמאָל איז געוועזן אַ קאָניוך באַם פאַן,
האָט מען אים דאָרט פאַרשמיסן.

האָט דער צווייטער אַ מאַך געטאָן שטיל מיט דער האַנט:
— ער איז דאָך נאָך גאַנץ און פאַרבראָנזעט,
געוויס מוז דאָס זײַן גאָר אַזאַ פּאַרטיזאַן,
וואָס האָט אין די טאָרפן פאַרבלאָנדזעט.

האָט מען די רידלען ביז ווייטיק פאַרשטיקט
און געבויגן די קעפּ די קודלאַטע...
האָט מיקאָלע געזאָגט און באַרויִקט די שטים:
— מע האָט דאָ דערהאַרגעט מײַן טאַטן.

צוערשט איז די שטילקײַט אַ דינע געווען,
דערנאָך—אַזאַ דיקע און האַרבע.
האָבן פלוצלונג בריגאַדעס זיך ווידער דערקענט,
זיי האָבן דערפילט, אַז זיי האָבן נאָך הענט
און זײַנען אַוועק צו דער אַרבעט.

דער עקסקאַוואַטער:—פּרעס!
דער עקסקאַוואַטער:—ביס!
און יעדע סקיבע טאָרף
איז וואַרעם, פעט און זיס.

און יעדער ביסן טאָרף —
אין וויסטעניִשן רײַך.
דער טאָרף—אַ פולע פּעל —
מוז ווערן זאַט און רײַף.

מיט גאָר זײַן גאַנצער גוסס
זיך געבן הויך אַ ריס.
דער עקסקאַוואַטער:—פּרעס!
דער עקסקאַוואַטער:—ביס

טאָרפ—דאָס איז ברויט, נעמ צעשנייַד אימ און עס.
טאָרפ—דאָס איז קויעך אינ מוסקלענ פארפרעסט.
טאָרפ—דאָס איז בלוט אינ מאשינעס־קאָנטאקט.
טאָרפ—דאָס איז יוגנט, וואָס הוליעט געשמאק.
טאָרפ—איז מייַנ טאטנס א פלעמ אינ דער באק.

— ... אונ איצטער אפ טאָרפ!—האָט געזאָגט די פארטיי—
איצט מאָביליזיר זיך אפ טאָרפנ אונ—גיי.

— גיי, ווייַל עס הונגערט אָנ טאָרפ די פאבריק.
— גיי, ווייַל עס האָט דיך די בויונג געשיקט.
— גיי, אונ פארקרעפטיקע זיך, באָלשעוויק.
— גוט!—האָט געענטפערט פאבריק נאָך פאבריק.

לעצטע באלאָדענע, שווייסיקע שאָ.
ס'האָט דער הודאָק זיך צעפאָכעס אינ לופט.
ס'האָט פיניע דערפילט, ווי עס נאָיעט דער גופ,
אונ אייַליק געקומענ צו זיך אינ ביוראָ.

מע האָט די בארעטונג מיט טעמפנ געפירט,
ווייַל ליידיקע צייַט איז בא קיינעמ ניטאָ.
א כאוועד האָט קורצ די ביוראָ אינפאָרמירט—
שיקנ א גוטנ פארטייער אפ טאָרפ.

— פיניענ!
— איך פאָר!
— אז מיר זאָגנ ניט:—ניינ.
דערנאָך, ווענ מע איז שוינ געגאנגענ אהיימ,
איז פיניע געבליבנ צעטומלט אינ באס,
אזוי ווי ער וואָלט זיך אָנ עפעס דערמאָנט.
דערנאָך האָט זיך ווארעמ געהוידעט זייַנ באס:
— כ'בינ דאָך מיט בלאָטעס פונ לאנג שוינ באקאָנט.

„איז גוט אזוי אינמיטנ נאכט,
ווענ הייַזלעך ליגנ שוינ פארמאטערט,
ארויסגיינ שטיל, ארויסגיינ שארפ
אינ אלטע אומרויִקע שמאטעס.

זיך לאָזנ לויפנ גיך־אונ־גיך.
א געסל נאָך א געסל.
אונ אָט—ביזטו, אונ אָט" — — —

ס'איז פּיניע אומגעריכט
ווי אויסגעוואקסן גרעסער.

ער האָט א שטעל געטאָן דעם שטול,
א מעסט געטאָן די דילן.
— וואָס זשע האָסטו זיך צעדולט,
פּינקעלע־ווערזילע?

איז ער געבליבן בא דעם טיש
און אויסגעבּרומט א נינג.
נאָר זײַן יאטל לײַכט און פריש
טשוכעט זיך אין וויגל.

זײַן יאטעלע שלאָפט אין געפלאָכטענער וויג,
א פּיצעלע האנט העגגט פּאוואָליע אראָפּ.
און ס'דוכט—צו זײַן קינדערשן, פּוכיקן קאָפּ
האָט זיך דאָס קישעלע ווייך צוגעדריקט...

— יאטעלע, דיר איז שוין אָפן און ברייט,
דיך האָט שוין קיינער אין האס ניט פארפרעסט.
יאטעלע, וואקסט אפ דעם גינציקן קעסט,
וואָס האָט אונדזער לאנד דיר מיט ליבע פארגרייט.

— יאטעלע־יאט, דו געבענטשטער בענקארט!
ס'האָט פּיניע געוואָלט אים א נעם טאָן פון וויג!
און האָט זיך פארכאפּט.
אוועק אפ צוריק.
געלייענט.
און איצט —
ניט פארשטאנען אין בלאט...

ער האָט ניט געוווסט צי דאָס האָט זיך געדאכט,
צי ס'האָט זיך מעוווּלוול געכאָלעמט באנאכט,
נאָר ס'האָט אזא דינער עלעקטרישער שטראָם
געגאפט און געיאָמערט בא אים אפן דאך...

ער האָט ניט געקענט היינט דערשלאָפן די נאכט.
און איז אינדערפרי שוין געווען אין רייקאָם.

IV. דו פילסט,
וואָס ס'וועט זײַנ...

זוענ ס'איז געקומענ אהער די בריגאדע, איז די לאגע געווענ אזא,
עס וואקלט אונ וויגט זיכ דער אָנוווקס פונ טאָרפענעם קרומענ זיגזאג.

סעזאָניקעס קומענ אהערצו מיט שווערג, פארמאטערטנ בלוט.
שטעלנ זיכ אויס אינ קאריערנ [1]) אונ גײענ דאָ אָפּעט מיט מוט.

עס ווערנ די הערצער פארוואקסנ אינ גראָבע, באליידיקטע פעל,
אונ ס'ניכעוועט ענגט די ארבעט אינ יעדער צעשטויבטער ארטעל.

אינ פײַכטע, צעווייקטע באכילעס שטייט מענ א טאָג אינ קאריער.
עס הענגענ די האָריקע הימלענ. עס רוקט זיכ די זונ, ווי א בער.

עס קלעפּנ זיכ שווייסיקע העמדער. א דאָרשטיקײַט ליגט אפנ צונג.
— וואסער, אביסעלע וואסער, א קאלטנ קרישטאָלענעם שלונג.

טרינקט מענ פונ טאָרפענע בלאָטעס. זופט מענ פונ זויערנ זומפ,
— אינ דער צעמאמערטער מאמענ! אינ דעם געפייגערטנ זונ!

— נעכײַ וואָלט דער גוטער דירעקטער פארגרייטנ כאָטש וואסער א קוואָרט
אונ ס'וואקסט די פארביטערטע שווערקײַט, ווי דער בלוטיקער
שוואָם — מוכאמאָר.

עס ווערנ באליידיקט די רידלענ אינ פעסטע באליידיקטע הענט
אונ ס'לעשנ זיכ גאָלדענע ציפער פונ דעם געגארטנ פראָצענט...

---

1) קאריער — די אָפענע קאנאווע, וווּ מע גראָבט דעם טאָרף.

פון ליקווידירטע פּולווארקעס, פון כּומעריש גוטס
צווישן די סעזאָניקעס פאַרקריכט דער באַלעגופ.

ער גייט ארום פאַרטײַעט דאָ. ער האַלט פאַרשפּאַרט דעם צונג.
און כאָוועט אויס א בלוטיקן און אומגעריכטן שפּרונג.

א שלײַדער טאָג! א וואלגער טאָג! א זעצ טאָג אָן דער ערד!
ער זאָגט גאָרניט. ער שטערט גאָרניט. ער גייט ארום און הערט.

ווען עפּעס גיט א ריס זיך דאָ און עפּעס שטעלט זיך אָפּ,
שווײַגנדיק און שמייכלענדיק הייבט ער אוף דעם קאָפּ.

ער זאָגט גאָרניט. ער שטערט גאָרניט. ער שמייכלט נאָר געהיים:
— ברידערלעך־סעזאָניקעס, לאָמיר גיין אהיים.

מיר עסן ניט, מיר טרינקען ניט, ס'איז הונגעריק און שווער.
מיר וועלן אלע אויסגיין דאָ באם בלוטיקן קאריער.

ווען מע גייט איין באראק פון דעם טאָרפענעם, טיפן קאריער,
נאָיעט דער גוף אונטער שווייסיקן, שווערן ברעזענט.
מע פילט ניט אליין שוין די הארטע, פאַרלאָפענע הענט.
מע גיט זיך א וואָרף און מע אָטעמט געדולדיק, ווי ערד.

אף די הארטע פאַרלאָפענע הענט קווענן אָן [1]) די מאזאָליעס מיט בלוט
האַלט מען שווער אף די אויגן די הענט מיט די אָפענע דלאָניעס ארופּ
ווי א מידער שטיק טאָרף, ליגט בא יעדערן איצטער דער גוף
און ס'ווילט זיך נאָר איינס: יעדער פּיצל געוועב
זאָל אים אָנקווענען
ווידער
מיט מוט.

דעמלט קום, באלעגופ, און פאַרלייג א פוגאס. [2])
ס'איז דער באָדן פאַר דיר איצטער, זאָגסטו, געגרייט.
ס'קען א צינד טאָן איין קאָפּ א מעשוגענער האס
און רעציכע קען ברענען מעווולוול און רויט.

[1]) אָנקווענען—אָנלויפן, אָנגיסן זיך (אין דעם פאַל: הויב אוף א בונט).
[2]) פוגאס—א מינע, א באָמבע,

— פאַרוואָס איז דאָס עסן אַזוי ניט געשמאַק?
— וואָס לאָזט מען אונדז ליגן אין ענגן באַראַק?
— וואָס קומט דער טאָוואַרישטש פון שטאָט ניט אַהער?
— וואָס שטייט ער אַליין ניט אין טיפן קאַריער?
— מע האָט אונדז די ערדן צעגראָבן אַף טאָרף,
דערווײַל איז אָן פּאָזשניעס [1]) פאַרבליבן דאָס דאָרף.
אָן היי וועט צעפאַלן דאָס ביסעלע סקאָט,
ווען עס האָט ניט צעפרעסן די שטאָט.

ס'האָט פּיניע איצט געדוט פון פולן האַרצן,
עס איז די נאַרע אים געדולדיק־זיס.
נאָר ס'ווילן אַלץ ניט אופהערן צו שמאַרצן
די הענט, די גראָבע פינגער אַף די פיס.

ער וואָלט מיט פרייד זיך געבן אַ פּאַטשאַווע,—
זײַנען ניט געהאָרכזאַם איצט די הענט.
ער וואָלט מיט פרייד איצט ריידן צו אַ כאַווער,—
האָט אַ מידקײַט צוגעמאַכט זײַן ברעם.

עס רוען דאָ פּאַרטייער, קאָמיוגיסטן,—
ס'האָט יעדערן געשיקט אַהער די מי.
און יעדערער וואָלט וועלן איצטער וויסן,—
ווער פון זיי האָט מער זיך אײַנגעמידט.

נאָר קיינער קען מיט אָפּרו זיך ניט שיידן,
יעדער ליגט און יעדער איינער טראַכט,
ווען ער וואָלט איצטער אָנהייבן צו ריידן,
וואָלט ער, געוויס, גערעדט ניט צו דער זאַך.

שטיקער זון זיך הענגען אַף די שויבן,
און די שויבן זעטיקן זיך אָן.
ווען פּיניע וויל, וואָלט ער איצט נעמען גלויבן:
ער ליגט אין רויטאַרמייִשן וואַגאָן.

ער האַלט די ביקס פאַרשפּאַרט צווישן קניִען,
ער וועט שוין הײַנט ניט אויסטאָן דעם שינעל.
און ס'לייגט זיך אויס אַ מידקײַט אַף די וויִעס—
פאַר טעג, פאַר נעכט צעשעדיקטע אין פעלד.

---

[1]) פּאָזשניעס—לאָנקעס.

— — ס'האָט מינסק אוועקגעשיקט א צוג מיט הייסע יונגעג
האָט פּיניע אויך צווישג זיי געברענט.
ס'האָט הינטער זיי קייג מארשג קיינער ניט געזונגעג
אוג ניט געפּאָכעט מיט יאָנטעוודיקע הענט — — —

בא מיקאָלעג אפג שטערג וויגג זיך דרייַ קנייטשג,
נאָר די בלאָנדע פּאטליע האָט באהאלטג צוויי.
ווענ מיקאָלע אָטעמט, דאכט זיך, אז ער פרייט זיך.
נעמט ער דעם הארמאָניק, דאכט זיך, אז ער וויינט.

בא אים אינ דעם הארמאָניק ליגט א גרויסער ניגג,
וועלכער וואכט דערוויַלע מיט'א וויכג פרייַך.
ווען מיקאָלע פרייַ זייַג, וועט עס זיך צעוויגג,
לויכטנדיק- אוג- קוועלנדיק כוואליעג, ווי א טייַך.

נאָר מיקאָלע איז איצט צופיל שוינ פארנומענ.
שווער איז אים צו זייַנ דער עלטסטער בריגאדיר.
צום ערשט האָט זייַנ בריגאדע צופיל זיך געטומלט,
די ארבעט האָט געסקריפּעט, פּונקט ווי ניט געשמירט.

דערנאָך האָט זייַנ בריגאדע געארבעט מיטלמעסיק,
כאָטש עס האָבנ אלע געהאָרעוועט ביז בלוט.
זיי האָבנ נאָך דער ארבעט פארמאטערטע געגעסנ,
זיי האָבנ נאָכנ עסנ פארמאטערטע גערוט.

האָבנ אלצ געכויזעקט די שכיינישע בריגאדעס:
— נא־דיר, קאָמסאָמאָלנ אוג נא־דיר א פּראָצענט!
איר וועט דעם טאָרפ ניט נעמענ מיט רייד אונ מיט פּאראדנ,
טאָרפנ דארפנ האָבנ צוגעגרייטע הענט.

נאָר הענט, וואָס זייַנענ שטענדיק אינ ארבעט אויסגעקנאָטנ,
אוג יונגענ, וועלכע פילנ ביז אָטעם די פּארטיי,
האָבנ שוינ געארבעט מיט א ברייטנ אָטעם—
קארירשטשיק־ צו־ קארירשטשיק אייַנגעשפּארט אינ ריי:

רידל צו רידל.
סקיבע צו סקיבע.

און שטאָלענע ציינער
קײַענ עס איבער
פּעט און געדיכט.
דאָ ווערנ די טאָרפנ, די מאָכנ פאַרניכט.

ניט טאָרפנ, ניט מאָכנ—נאָר שטיקער מיט ליכט.
און ס'ווערט דאָ פאַרניכט,
און ס'ווערט דאָ פאַרניכט,
דער אוראַלט, וואָס איז דאָ געוואַקסנ געדיכט.

פּיניע—ברוינ. מיקאָלע—בלאָנד. מיט סאַמעט אינ די אויגנ.
פּיניע—זיצט. מיקאָלע—ליגט אינ שווערקײַט אויסגעצויגנ.

שלאָפט און כראָפּעט דער באַראַק אינ כּיעסדיקע שווייסנ.
און אויפנ דאַך עס ליגט א נאַכט, א קלאָרע און א גרויסע.

נאָכ דער אַרבעט נאָיענ הענט פאַרמורזעטע אינ טאָרפנ,
האָט מענ זיכ אפּ נאַרעס ברייט צעשלײַדערט און צעוואָרפנ.

מיט פיס, מיט הענט אַרײַנ אינ שלאָפ, אינ טיפעניש פאַרקראָכנ.
כאָלעמט זיכ איצט ריידל־קלאַנג און וואַרעמקײַט פונ מאָכנ...

דיק דער רייעכ פונ די פיס. יוכטענע שטיוואַלעס
גיבנ אָפּ מיט פרייענ־יש, מיט קרעפּטיקײַט פונ שטאַלנ.

ברענט א ליכט. און אפּ דער ליכט די לופט, ווי א פּאַפּאַכע.
ברענט א ליכט. און בא דער ליכט צוויי כאַוויירים וואַכנ.

פּיניע—ברוינ, מיקאָלע—בלאָנד מיט סאַמעט אינ די אויגנ.
פּיניע—זיצט, מיקאָלע—ליגט אינ שווערקײַט אויסגעצויגנ.

האַלבע נאַכט. די ליכט איז וואַכ און בענקשאַפט רעדט אינ בלוטנ.
בלאָנדזענ ווערטער גלאַט אזוי. מאָרגנ איז א רו־טאָג.

באָלשעוויקעס—יונגענ צוויי. און דער אָפּרו בעט זיכ.
רעדט זיכ רויק גלאַט אזוי. גלאַט אזוי עס רעדט זיכ.

פּיניע זאָגט: —... איז מײַנסטו וואָס, מיר איז אַלצ באַקאַנט דאָ.
מיכ האָט מענ געשיקט אַהער אפּ אופשטאַנד און אפּ באַנדעס.

דעמלט האָט געיושעט דאָ בולאק און די בולאקעס
און מיר זײַנען געװעזן הונגעריק און נאקעט.

די טאָרפן, װאָס קאָסטן אונדז קויעך און פּײַן,—
דאָס זײַנען דאָך װיאָרסטן, און יאָרן מיט שײַן.

אָט שטייען מיר ביידע פארמאטערטע שװער,
און װען עס איז װעלן מיר קומען אהער—
עס פליעסקעט אין װארעמע װאָלטן די ערד.

דו פארשטייסט, װען עס גיט זיך מיר פלוצלונג א קלער,
װאָס מירן פארמאָגן אָט דאָ אף דער ערד,

װייס איך אליין ניט, װען איך װאָלט געקענט,
איך װאָלט זיך צעביסן די אייגענע הענט.

דו פארשטייסט, נו, דו װייסט, נו, דו פילסט, װאָס ס'װעט זײַן,
אז א בראָך זאָל אין אונדזערע הערצער ארײַן...

פּרי, ס'ברענט די ליכט. נאָר ס'איז העל שױן אָן דעם.
מע שלאָפט אין*באראק דאָ מיט קויעך פון דעמב.

נאָר, װען עס דערהערט זיך, װי עמעצער שרײַט,
גיט מען זיך פלוצלונג א קער אף א זײַט,

א קער אף א זײַט און א דריי אף צוריק,
און מע צעעפנט פארװוּנדערט דעם בליק...

— װאָס איז דאָרט? װער איז דאָרט? טשטאָ? און טשאהאָ?
אז װער האָט געשריִען אין ראניצע דאָ?

איז מעװוּלװוּל געװאָרן דער אָפּרו פון דעמב.
װער אין די טרוסן און װער אין דעם העמד,

א האלבער באראק שטייט שױן װאך אף די פיס.
האָט פּיניע געגעבן די ליפּ זיך א ביס.
האָט מיקאָלע א שפרונג געטאָן הילכיק פון בעט.
— ס'איז גאָרנישט. כאװיירים. מיר האָבן גערעדט.

— גערעדט? נו גערעדט! דאָס איז איינמאָל שוין רייד,
פון וואָס האָט איר דאָדערט געשריִען באַצווייט?

האָט מיקאָלע פארצויגן נאָך ענגער דעם פאס,
א קוק געטאָן קלאָר, ווי עס קוועלט אפן גאס,

דערנאָך זיך געגעבן א האסטיקן בויג,
אז די פאטליע מיט האָר האָט פארדעקט אים אן אויג.

— נו, איז אָט. נו, איז הערט. נו, איז ספראווא אַז טיט
(און ס'האָט אזוי מאָדנע געקלונגען זיין שטים)

— איר זאָגט: נו, מיר פראַצעווען דאָ אפן מאָרט,
און אָן סענעזענצן איז פארבליבן דאָס דאָרף.

און ס'נעמט אָן אזא מין פארקלעמטער פארדראָס,
האלמייַ עס שטארבט אויס אף די פאָזשניעס דאָס גראָז,

האלעמייַ מירן מער שוין נים קאָפּיען קיין היי.
— הען, נו געוויס! נו, אוואדע אזוי.

— נו אוואדע אזוי? עך, איר שלעקט וואָס איר זייַט,
צי ווייסט איר, אז אָט און ס'קומט אָן שוין די צייַט.

און דאָ ווערט א וואקס טאָג אזא מין סאָרט זעט,
וואָס איר האָט אפילע אין שלאָף נים געזען.

אי ווייצן, אי וויקע, אי קרוכקענע קרויט,
אי וואַרעמע שעפע פון זעטיקן ברויט.

און דאָ ווערט א שפּאר טאָג אזא מין סאָרט שיין,
אז אין אייַך ווערט דער שעד מיט דער מאמען אריין!

אניצע. ס'טאָגט. עס ווערט ראָזלעך אין שויב.
אף אלעמעס אויגן—א גאָלדענער שטויב.
אף האָריקע פאטליעס—א לופּטיקע שייַן....

אז אין אונדז זאָל דער שעד מיט דער מאמען אריין.

V. עס האָבנ זיכ בארויקט
די לעפל אינ די הענט...

אינ קיכ האָט געוויגט זיכ א זויערע פארע
פונ מאָגערנ באָרשטש אונ צעפארעטער קאשע.
סעזאָניקעס האָבנ ניט אופגעהערט שפארנ
אונ האָבנ די טירנ אונ שויבנ צעקוואשעט.

זיי האָבנ די עס־קיכ צעשטורעמט, צעליארעמט
אונ אונטער די טישנ געגאָסנ דאָס עסנ,
געקייפלט ביז העכסטנ דעם טאטנ, דער מאמענ
אונ אויכ אָנ דעם הייליקנ זונ ניט פארגעסנ.

— געשמאקער אונ פעטער זאָל זײַנ די אכילע!
— מיר ווילנ אזוי—אָ! אונ בעסער! אונ מערער!
אניטע? איז נאט אײַכ די ברודנע באכילעס, [1])
אונ שטעלט זיכ אליינ אינ די טיפע קאריערנ!

זיי האָבנ מיט צינענע שיסלעכ געפאָכעט,
די הילצערנע לעפל אינ לופטנ געוואָרפנ,
— וועט מענ אונדז בעסער ניט אָנהייבנ קאָכנ,
איז בלײַבט אײַכ געזונט אפ דידאָסיקע טאָרפנ

— שלעפט נאָר אהער אָט דעם בײַכיקנ קוכער!
— ברענגט נאָר אהערצו די כאָפטע מיט קעכער!
זאָלנ זיי פרווונ די קאשע פארזוכנ",
וועלנ זיי, דאכט זיכ, ניט אופהערנ ברעכנ.

---

[1]) באכילעס—שטיוואלעס.

און ס'האָט זיך דער טומל געדרייט אַף די טישן,
געקלאַפּט אין די ווענט, און געהילכט אַף די דילן.
עס האָט אַ טאַרפּיאַניק געבעטן זיך: — טישע!
אַ צווייטער האָט רויִק געקײַט די אַכילע.

האָט קאַרנייטשיק — אַ שטויס אין דעם טיש דעם סאָסנאָווּן,
דאָס פּאַרמורוזעטע בערדל — פאַרשטיקט אין קולאַק.
— מיר האָבן פון לעבן סײַווי קיין האנאָע,
איז וואָס, אויב די קאַשע איז אויך נים געשמאַק.

ניטאָ וואָס, טאַרפּיאַניקעס, צופיל צו שרײַען.
אַז מיר זײַנען — דערפער און זיי זײַנען — שטעט...
זיי האָבן געברײַעט, און זאָלן זיי ברײַען,
ווען עס איז, וועט דאָך די קאַשע זײַן פעט...

הײַנט איז ניטאָ נאָך, נו מאָרגן וועט ווערן,
די פּיאַטילעטקע וועט ברענגען אונדז אַלץ.
טאָ לאָמיר איצט עסן נאָר פראַנצן און ווערים
און הײַנט לאָמיר שלעפּן דעם יאָך אַפן האַלדז.

איז הערסטו, טאַרפּיאַניק, איז אַלע — דאָ כאַטי!
ניטאָ וואָס צו פאָלגן אָט דאָ אַפן טאַרף.
זיי ווילט זיך עלעקטרע. אין זייערע טאַטעס!
סײַווי וועט נים קלעקן קיין נאַפט פאַרן דאָרף...

איז הערסטו, סעזאָניק, פאַרענדיקט! און קיינער!
עס וועט אונדזער כאַרטש שוין נים ווערן געשמאַק.
ביז וואַנען נאָך וועל דאָ אונדזערע ביינער
מאַטשעשן דעם זומפּיקן, אייביקן טראַקט?!...

מיקאָלע האָט נים געקענט!
מיקאָלען האָט געשלײַדערט,
עס האָט בא אים פון האַלדז געוויטיקט מיט אַ כריפּ:
— הינטיש פעל, קאַרנייטשיק,
דו ביסט גרייט צו לײַדן?
און דו האָסט עס אַ לעבן אָפּגעלינטן?

כריטש!

— טאַרפּיאַניקעס, איר הערט?
— מיר ווילן דיך נים הערן!

— טאָרפּיאַניקעס, איר הערט?
איר מוזט!
און אומבאַדינגט!
עמעס, ס'איז די אַרבעט א ברודנע און א שווערע,
ווײַל ס'העלפט אונדז דערווײַלע ווייניק די מאַשין.

— און דאָס, וואָס ס'איז דאָס עסן מאָגער נאָך און ווייניק,
כאָטש מע לאָזט אונדז אָפּעט דעם זעטיקסטן פּאַיאָק,
איז מײַן בריגאַדע מעלדעט:
מירן זיך פאַרייניקט —
מירן מאַרגן אויכעט
הונגערן
א טאָג.

און אונדזערע פּראָדוקטן,
און אלינקע פּאַטראָוועס
נעמט איך צו...
איר שרײַט דאָך,
וועט איר ווערן זאַט...

— הער אוף!
— גענוג!
— ניט זדיעקעווע זיך. כאַווער!
האָט זיך א וואָרף געטאָן דער ברווינלעכער קאָנדראַט.

— איך זאָג: דו לאַכסט פון אונדז.
מיר דאַרפן דײַן פּאַיאָק ניט!
איך וועל סײַווי ניט וואַרפן דעם קאַריער!

עס האָט די לופט געוויגט זיך און געשראָקן.
האָט פּיניע הייך אפּ דער באַסאָוועך:

— הערט!
טאָרפּיאַניקעס!
טעזאָניקעס!
כאַווײרים!

איך בעט, און לאָזט מיך ענדיקן מײַן וואָרט!

צי פּאַטערט מען פּראָדוקטן דאָ? אַוואַדע.
צי גאַנוועט מען די וואַרמעסן? געוויס.

איז לייג איך פּאָר איצט: קלײַבן א בריגאַדע.
א טרויבער טאָן די גערגעלעך:—ה־הא־קיש.
איז איינס.

אונ צווייטנס, וואָלט איך וועלן זאָגן,
פאר וועמען, פרעג איך, גראָבן מיר דעם טאָרף?
קאָרנייטשיק וויל א שפּיל טאָן אפן מאָגן.
אונ מיר דארפן דערלאנגען אים אין — — —

גיי.
נו, גיי.
צו אלדי שווארצע יאָרן!
פאָר אהיים
אונ פּילנעווע דעם גוף.
קוקט, ווי ער איז מאָגער דאָ געוואָרן.
נעבעך...
א ראכמאָנעס...
באלעגופ!

דער טומל האָט פארשטעקט זיך אונטער טישן,
גענידערט,
אונ געפאלן
ביזקל דיל.

עס האָבן די טאָרפיאניקעס א נעם געטאָן זיך;—טישע!
אונ ס'איז געוואָרן דאָ באריידעוודיק אונ שטיל.

האָט מען צעזעצט זיך שווייסיק אונ פארבראָנזעט,
אונ ס'האָבן זיך באַרויִקט די לעפל אין די הענט...
קאָרנייטשיק ט'מיט דער דלאָניע אָפּגעווישט די וואָנצעס,
גענומען עסן רויִק:
— זאָג איך דאָך... וואָ־דען?...

— עך, דו אלטע שקורע—האָט געמורמלט איינער.
א צווייטער:—קלוגע פייגל.
א דריטער:—א קולאס.
עס האָבן די טאָרפיאניקעס מיט הונגעריקע ציינער
געגעסן אזוי סמאהעדיק [1] געשמאק.

---

[1] סמאהעדיק—מיט גרויס אפּעטיט.

VI. אין בריונג-בוי
פון אונדזערע געווערטן.

צוויי כאדאָשים האָט דאָס לעבן זיך געלייטערט אפ די בלאָטעס,
צוויי כאדאָשים האָט געפיבערט אין דעם קליינינקן אקטיוו.
ס'האָבן הייפעלעך פארטייער אין ארטעלן זיך צעשאָטן,
ואָל די ראָשטשינע איצט אופגיין מיט א כיעס פון דער טיפ...

ניט קיין עלנטע ארטעלן, גרויע בייזקייט און פאריבל—
איין בריגאדע האָט דער צווייטער אין באגייסטערונג פארהערט.
40 טעג איז נאָך פארבליבן.
30 טעג איז נאָך פארבליבן:
סטאלינסטאן דארף באלד פארגיסן
מיט ווארעמקייט די ערד.

פיראונדרייסיק טויזנט ציגל,
פינפ-און-דרייסיק ..
זעקס-און-דרייסיק...
נאָך א טויזנט...
נאָך א מייע...
נאָך א צענדליק פארן טאָג.
מיקאָלע האָט מיט זיין בריגאדע
אפ די רידלעך זיך צעפלייסיקט,
פיניע האָט מיט זיין בריגאדע
אים באגיינעט אָנגעיאָגט.

און ווען עס לייגט זיך אויס דער אָפרו נאָך א ווארמעס א געשמאקן,
ווי עס לייגט זיך אויס דער אָוונט אפ א ווייכן סענעזענץ, [1]
קען די יוגנט דאן ניט רוען אין דער שטילקייט פון באראקעס,—
בעסער דעמלט זיך פארהערן אין געזאנג און אין טענץ.

[1]) סענעזענץ—הייי-שניט, לאָנקע.

פאַלט אַ ראָסע אַף די מאָכנ
אונ עס ציט מיט נעפּלען־גרײַז.
איז אַרויס דער ערשטער באָכער
פונ דעם אײַנגעשפּאַרטנ קרײַז.

— היי, טאַטוליע, היי מאַמוליע,
ס'וויל דײַנ זונ אַביסל הוליענ.
ווער עס אַרבעט אינ קאַריערנ,
יענער ווישט פאַרשוויצט דעם שטערנ,
ווער עס שטייט באַם עלעוואַטער,[1]
יענער גייט צוריק אַ מאַטער
יענער קענ ניט טאַנצנ פיל,
העי האַרמאָניק, בעסער שטיל.

דער האַרמאָניק בעט זיך, בעט זיך.
דער האַרמאָניק שוימט, שרײַט,
אונ מיט אומעטיקע הערצער
קומענ אומעט שטומע קרעכצנ:
— אײַ.
קומענ אומעט שטומע קרעכצנ:
— אײַ.

האָבנ נעפּלענ זיך צעהוידעט,
איז די ראָסע בלוילעך־ווײַס.
איז אַרויס דאָס ערשטע מיידל
פונ דעם אײַנגעשפּאַרטנ קרײַז.

— היי, טאַטוליע, היי, מאַמוליע,
ס'וויל דײַנ טאָכטער איצטער הוליענ,
ווער עס אַרבעט אַפנ פּרעזער,[2]
יענער ווערט אַ טאָג געזעזנט,[3]
ווער עס שאַרט די טאָרפנ־שטויבנ,
יענער קענ דעם קאָפּ פאַרהויבנ,
יענער קענ נאָך טאַנצנ פיל,
העי, האַרמאָניק, אַ קאַדריל!

דער האַרמאָניק פרייט זיך, פרייט זיך,
דער האַרמאָניק בויט, ברומט.

---

[1] עלעוואַטער—דאָ מיינט מענ אַ מאַשינ, וואָס גראָבט דעם טאָרף.
[2] פּרעזער—אַ מאַשינ, וואָס בריקעט דעם טאָרף אונ פאַרלײַכטערט די אַרבעט.
[3] געזעזנט ווערנ—געזונט ווערנ.

און מיט קויעכ אינ די פלייצעס
טאָפּעט־טאָפּעט און געדרייט זיכ—
— קומ!
טאָפּעט־טאָפּעט און געדרייט זיכ—
— ברומ.

א לעוואָנע הענגט א קלאָרע,
אינ די קוסטעס—נעפּלענ־גרייַז.
איז ארויס דאָס ערשטע פּאָרל
פונ דעמ אייַנגעשפּארטנ קרייַז.

האלטנ שטערנ זיכ אינ לעשנ
טוייקע פּארקלערטע,
און דער פּריילעכער הארמאָניק
כיינדלט זיכ אָנ ווערטער.
איז ארויס דאָס צווייטע פּאָרל,
דאָס דריטע,
און דאָס פערטע.

— מייַנ בריגאדע האָט געגעבנ מערער נאָכ פונ טויזנט טאָנ.
— דייַנ בריגאדע האָט געזעצט זיכ אפנ פּריילעכנ ביפּלאנ [1]
— מייַנ בריגאדע האָט געארבעט און ניט אויסגעפּילט דעמ פּלאנ.
— דייַנ בריגאדע האָט געזעצט זיכ אפנ אָפּגעפּליקטנ האָנ.

— קו־קו־רע־קו,
— קו־קו־רע־קו,
— אפנ אָפּגעפּליקטנ האָנ.

— מייַנ בריגאדע האָט געארבעט פאר דעמ טאָרפּענעמ דאָנבאס.
— דייַנ בריגאדע האָט געזעצט זיכ אינ א ברייטנ טאראנטאס [2]
— מייַנ בריגאדע האָט געארבעט און אביסעלע געשטוסט [3]
— דייַנ בריגאדע האָט געזעצט זיכ און... אוועקגעשפּרייַזט צופוס.

— פּעכאָטאָיו,
— פּעכאָטאָיו,
— און אוועקגעשפּרייַזט צופוס.

---

1) ביפּלאנ—אנ עראָפּלאנ מיט צוויי פּאָר פליגלענ.
2) טאראנטאס—א קארעטע.
3) שטוסנ—נאריש מאכנ זיכ שפּאסנ.

דער הארמאָניק האַוועט־האַוועט.
דער הארמאָניק בעט־ברומט.
און אין פרײלעכע כאַליאַוועס
טאנצן טענער ברייטע, בראַווע,
זיי פארהוליען זיך אין דרייען,
זיי פארטוליען זיך אין ווייען,
זיי צעפאלן אף דום־דום [1]),
זיי צעשיטן זיך אין הלום
און זיי קומען הארציק אום —
— ברומ!

ציארעשקע קארנייטשיק, דער אלטער טאָרפּיאניק,
האָט אויסגעטאָן רויִק די שווערע באכילעס,
געשמאק אָפּגעגעסן די דריטע אכילע
און רוען געוואָלט נאָך א טאָג האָרעוואַניע.

אין שאָען אזעלכע בארויִקטע־שטילע,
ווען ס׳האָט זיך די יוגנט אין הויף צעגאַוועדעט [2])
ווילט זיך אזוי די פארנאכטיקע טפילע
אָפּריכטן שטיל און געהאָרכזאם, ווי שטענדיק...

איז ער אוועק צו די נאָענטע מאָכן
און דאָרטן צווישן די נעפלען פארקנייט זיך,
זײַן טפילע האָט לאנגזאם געשלעפּט זיך א מידע
און קוים דורך די נעפלען צום הימל דערקראָכן...

באנאכט. די לעוואָנע — א שטאָלענע רידל
פארשטעקט אין די הימלשע שטרעקעס,
באנאכט. און עס לייגט זיך דער טאָרפענער העקעם [3])
אף מעכטיקע לאפעס אנידער...

ווער האָט עס צעטומלט די אוראלטע נאכט?
ווער גראָבט זיך און שנײַדט אין זײַן טאָרפענער טראכט?
ווער האָט עס דעם געגנט פארגאָסן מיט שײַנען?
און רידל נאָך רידל אין לײַב קריכט ארײַן.

---

1) דום־דום — א שיסער־קויל, וועלכע רײַסט זיך פאנאנדער.
2) צעגאַוועדעט זיך — צעפלאפלט זיך, צעשריען, צעהאלדערט.
3) העקעם — הער ארום.

ניט קיין שיידים—דאָמאָוויקעס-לעסאָוויקעס און לעגענדעס,—
איבער שטרעקעס שפּרייט זיך אויסעט א מעטאלענער גליי-גלאָנג:
איין בריגאדע האָט די ארבעט די באנאכטיקע פארענדיקט,
און די צווייטע האָט די ארבעט שוין פארהייבן, ווי א פּאָנ.

גייט דעם אָוונט-ברויט איצט עסן א פארמאטערטע בריגאדע,
און די צווייטע האָט דעם פרישטיק אָפּגעגעסן דאָ ניט לאנג.
ס'איז פארנאכט איצט?—יאָ, אוואדע.
ס'איז פארטאָג איצט?—יאָ, אוואדע.
ניט פארטאָג און ניט פארנאכט איצט.
איין קאָנוויייער גייט אין גאנג.

א קאָנוויייער פון דריי וואכטעס,
יעדע וואכטע—הייס און גיריק.
און עס שווימען אָפּ אין אָפּרו,
און עס גייען אוף אין מי:
דער באגינען—אָט דער טרוימער,
דער פארנאכט—די שטילע ליריק,
דער באטאָג—דער קלאָרער בויער
און דער מיידלשער פארפרי.

אלע-אלע-אלע-אלע,
ווער עס האָט נאָר בלוט אין הארצן,
זאָל ער העלפן פעסט פארדרייען
אלע שרויפן פון מיין לאנד.
אויב עס איז די נאכט געלעגן,
ווי א פעפערקע א שווארצע
איז געענוג!
און צו דער ארבעט!
מיט א רידל אין דער האנט!

שאבעס-זונטיק-מאָנטיק-דינסטיק-מיטוואָך-דאָנערשטיק און פרייטיק,
יעדער טאָג—א סקיבע ארבעט
און א קלאָרער פליאזש פאר רו.
פון די קויטיקסטע קאריערן
זעען מיר שוין ווי עס צייטיקט,
אונדזער וואָך
און אונדזער יאָנטעוו—
אין א קיילעכדיקן רונג.

איז—

רידל־צו רידל.
סקיבע צו סקיבע.
און שטאָלענע ציינער
קייַען עס איבער
פּעט און געדיכט...
און ס׳פּאַלט אומגעריכט— — —

עס שטייט דער קאָנווייער,
עס שווייַגט דער מאָטאָר,
קיין פריילעכער אָנבליק פון פייַער,
קיין הימל ניטאָ.
קיין ערד איז ניטאָ
א שטילקייַט. א סום [1], ביז צו שרייַען...

עס רופט איינ בריגאַדע דער צווייטער:—א־או—ו—
און ס׳קייַקלט זיך אום אין דער פינצטערער רו—
א ווייַטער, צעצויגענער, סומנער א־או— — —

נעמען קויטיק קוואַקען זשאַבעס
און עס שושקען פרעש.
— ס׳ליגט צעריסן אייַער קאַבעל [2]
אונטער מעסער־פרעשק.

טאָרפן וועט איר ניט פארגרייטן,
פאַלן וועט דער פּלאַן.
און אין שוואַרצע, טויטע קווייטן
בלייַבט דער סטאַלינסטאַן.

עס וועט קומען אייַער יאָנטעוו,
רייַסן זיך נאָך ליכט.
מירן אייַך אין טרויער אָנטאָן
קלעפּיק און געדיכט.

קויטיק קוואַקען אלטע זשאַבעס— — —
זשאַבעס אָדער ניט.
עלנט וואַלגערט זיך דער קאַבעל
מיט א טויטן שניט...

---

1) סום—אומעט.

2) קאַבעל—דער דראָט־קאַנאַט, דורך וועלכן עס גייט דורך דער עלעקטרישער שטראָם.

... און ווען עס איז קיין טאָרף ניטאָ,
הונגערן די בונקערס [1])
און לאנגזאם ווערט דער רויש פון די טורבינעס.
ניטאָ קיין טאָרף?—
אין הייצערקע די פונקען
קענען זיך אין אָנמאכט ניט געפינען.

ניטאָ קיין טאָרף.
דערלאנגט אהער באהייצונג!
באלד וועט זיך פאראנקערן [2]) די סטאנציע.
באם אינזשענער עס צוקן קרום די פלייצעס.
באהייצער שטייען אופגעלייגט אינגאנצן.

עס שווייגט דער טראָס [3]) אף העכסטער עסטעקאדע.
עס פאלט דער דאמף.
עס לעשט זיך אויס דער כיעס.
שנעלער־שנעל!
בריגאדע נאָך בריגאדע!
אניט פארמאכט די סטאנציע אירע וויעס.

שטעט,
מע הערט אוף צו געבן אייך פייער,
גיכער שטעלט אָפּעט דעם לויף פון טראמוויען,
גיכער האקט אָפּעט דעם לויף פון מאָטאָרן—

שטעט זיינען פלוצלונג מעוולוול געוואָרן...

דער פידער [4]) צינדט אָנעט א בלוטיקן אויג.
און ס'האָט זיך דער הימל געגעבן א בויג.
א וויג און א וואלגער אין טהאָם.

עס האָבן צעמישט זיך אין טומל די שטעט.
עס רייסט זיך דער פאָדעם פון גרויסן געוועט,

א טראמוויי איז געבליבן מעוולוול פארטראכט אפן בריק.
עס האָט זיך דער אָטעם דערוואָרגן אין האלדז פון פאבריק.

---

[1]) בונקערס—די קאמערן, פונוואנען דער טאָרף פאלט אריין אין די אויוונס.

[2]) פאראנקערן זיך—אָפּשטעלן זיך, פארהאלטן זיך.

[3]) טראָס—א דראָט־קאנאט אף הייבן שווערע מאסע.

[4]) פידער—אן עלעקטרישער סיגנאל, וואָס ווייזט וויאזוי עס ארבעט די עלעקטרע־סטאנציע.

ס'האָט דער רײַטער געגעבן א שפּרונג אין קינאָ,
און איז שוין ביז סאָף ניט דערשפּרונגען.

דער הויכריידער האָט זיך דערשטיקט אפ אל־לאָ,
און האָט שוין זײַן ליד ניט געזונגען.

אין קאָלווירט ברענט א פּעכישע שײַטעלע קין.
עס כליפּעט אין יאסלעס צעשראָקן א קינד.

אורעלט אפ אורעלט דאָ הויערט און שטיקט— — —
— — —

דאָס אלץ האָלט געווען,
נאָר עס קאָן שוין ניט זײַן.
מע קען ניט א דריי טאָן די ראָד אפ צוריק,
דעם קאבעל פאריכטן—
און ס'אָטעמט מיט שײַן...

עס הענגט נאָך אפ דראָטן די פרישקײַט פון טוי.
א האלבער שטיק הימל פליעסקעט אין בלוי.
און ס'איז דער באגינען נאָך ראָזלעך און רוי.

עס יאָגן זיך סלופּעס מיט ווּקסיקן טראָט.
זיי ווילן וואָס גיכער דערגרייכן אין שטאָט
און האלטן אינלופטן גירליאנדעס מיט דראָט...

עס שמעקן די דראָטן מיט פרישן אָזאָן.
א גאָלדענער הימל קומט שווײַגנדיק אָן.
און ס'האָבן בריגאדעס א מענטשן דערקאָנט:

ס'איז קאָרנײַטשיק געלעגן אזוי, ווי ער וואָלט אפ די נארעס גערוט,
זײַן האנט האָט נאָר שטיל דעם צעשניטענעם קאבעל געדריקט...
א מעסער. באזײַט די טאָרפּיאנישע הוט.
— כיק! — — —

עס האָט זיך צעקרימט אין א פינצטערער בלויקײַט זײַן באק,
און פלוצלונג איז שיטער געוואָרן ס'פּארמורזשעטע בערדעלע האָר.
עס האָט זיך א פּיצעלע צונג נאָר צווישן די ציינער פארהאקט,
און—גאָר,

און ווידער האָט זיכערערהייט
דערהערט זיך דאָ פרייליכע רייד.
עס האָט זיך מאָטאָר מיט מאָטאָר
געגומענע פאַרהערגן אַפּ טאָרפּ.

עס האָט זיך די ראַכוועס צערעדט,
נאָר זעטיקער פאָרציע שיַין.
און ס׳זיַינען בריגאַדעס אַריַין
אין שטענדיקן הייבן געוועט.

איז—
רידל־צו־רידל.
סקיבע־צו־סקיבע.
און שטאָלענע ציינער
מאָלן עס איבער
פעט און געדיכט.
דאָ ווערן די טאָרפן, די מאַכן פאַרניט.
ניט טאָרפן, ניט מאַכן—נאָר שטיקער מיט ליכט.
און ס׳ווערט דאָ פאַרניכט,
און ס׳ווערט דאָ פאַרניכט
דער אוראַלט, וואָס האָט דאָ געהויערט געדיכט.

VII. — כי־כי...
— כי־כי...

דער געטלעכער רעבע, דער הייליקער צאדעק
איז אין בעסמעדרעש צעטומלט געקומען.
— און איך — זאָגט ער — בין דאָס די קרוין פון דער אומע,[1]
צינדט ער פאר גאָט אָן א טויטע לאמפאדע...

דער הייליקער טיכאָן[2] אין גאָלדענער ריזע
מיט בערדיקן גרויל פון ריבוינעשעלוילעם,
האָט זיך אין פאָרכטיקער שטילקייט באוויזן
און אפן אָמעד געלאָזן דעם ציילעם.

נאָך אים — דער קריוויטש[3]. אין לאפטשעס פון ליקע.
דער אלטער ווייסרוסישער גורט אף די לענדן.
— מע וויל אונדזער דאָליע אין אייזן דערשטיקן,
וויינט אף די בלאָטעס די גרייזע לעגענדע...

דעם גאָמבינערס[4] איידעם, דער גרויסער געלערנטער,
וואָס האָט פאר אונדז ווייַרעך פון טרייַשאפט געורויכערט
איז דאָ געשטאַנען א זייַדן־פארקלערטער
און גיך זיך פארדרייט אין דער רו פון פאָרויכעס[5]

---

[1]) אומע — נאציע, פאָלק.

[2]) טיכאָן — איינער פון די עלטסטע גאלאָכים, וועלכער איז געווען פארמישט אין אקטיווער קאָנטר־רעוואָליוציע.

[3]) קריוויטש — דאָ געמיינט דעם נאצדעם, וועלכער קעמפט קעגן דער סאָוועטנמאכט און סאָצבוינג.

[4]) יעכעזקל גאָמבינער — א טיפּ פון א יידישן גוויר, וועלכן שאָלעם אש האָט אידעאליזירט אין זייַן ווערק א „שטעטל".

[5]) פאָרויכעס — דער פאָרהאנג, וואָס פארדעקט דעם אלמער, ווו ס'ליגן די סייפער־טוירעס.

דערנאָכ איז געקומענ די היליקע מאמע,
פארהילט אינ א ייִדישער אלטער פאטשיילע.
אונ אונטער דעם ווארעמענ פלאטער פונ מאמעס
האָבנ זיי אַלע געזעצט זיכ צוזאמענ
אונ האָבנ צוזאמענ געפראוועט אווילעס.

אי נאכט.
קיי נאכט.

גייענ פאמעלעכ,
פאוואָליע,
געהיט...
א ריאסע פונ כאקי
אינ רויכ פונ איפריט.
א שטריימל.
א פראק
אפ א גרויער שינעל.

דריקער.
דריק.
פיל־טעל.

דריקער־דריק
צעשראָקענע רו:
עס לויכטנ די פענצטער
אינ ג.פ.או.

וויגט זיכ די נאכט
אינ א טויטנ האמאק
אונ האָט די פארזאמלונג
מיט מוירע געבענטשט.

א וואָרט האָט געגעבנ
א פרעכטיקער פראק.
א וואָרט האָט גענומענ
אנ איידעלער פרענטש:

— מיר זײַנען דער מארך און דער כיִעס,
זיי—דער מעגושעם פון הענט...
זיי מעגן זיך טויזנט מאָל מיִען
צו אנדערע הימלען געווענדעט.

און מירן דעם קויעך פון בויונג
דערפירן ביז לײַדיקע נאר.
עס קענען ניט בויען פלעבייער,
ווען ס'וועט ניט פארוועלן דער האר.

— אונדזער פאראָל,
אונדזער פראָגראם:
א ווײַסער קאראָל
פון יאם ביז יאם.

האָט זיך געשטעלט דער געלערנטער איידעם
און א באגרינדעטע רעדע געהאלטן:
— מע טאָר ניט פארשוועכן דעם גײַסט פון די זיידעס,
און הייליק דארף בלײַבן דער טרוים פון די אלטע.

אלץ מוז פארבלײַבן, אזוי ווי געווען דאָ
און ס'טאָר אונדזער לעבן ניט ווערן געמיִנערט.
מע טאָר ניט, אז נײַע געבויטע פאבריקן
זאָלן דערשטיקן די אלטע לעגענדעס.

דעריבער, מײַן פלאן: די טאָרפן ניט גראָבן.
די גרויסע מאסיוון פארבלײַבן אין פוסטקײַט,
מײַן פאָלק דארף פארבלײַבן איין שנײַדער און שוסטער,
דײַן פאָלק דארף פארבלײַבן—א פאָלק כלעבאָראָבן.

אלע:—וויוואט! [1]
אלע:—יעכי! [2]
— כי־כי...
— כי־כי...

---

[1] וויוואט—זאָל לעבן.
[2] יעכי—זאָל לעבן.

האָט דער קריוויטש אינ דעמ זיידנס סערמענגע
שטיל אָנגעהויבנ אינ פּאָרכטיקנ ציטער:
— הערט איר, דאָבראָדזיע [1], מע מוז דאָס געדענקענ—
מע האָט אונדזער באטקאָווטשינע צעשניטנ.

איינ טייל—אהינצו, דאָס צווייטע—אהערצו
אונ ס'קרעכצעט דאָס לאנד אינ באזונדערע טיילנ.
מיר מוזנ באהעפטנ די בענקנדע הערצער
אונטער דעמ זילבערנעמ אָדלער פונ פוילנ.

דעריבער, מײַנ פּלאנ: דער זומפּ דארפ ניט שטײַענ,
דאָרטנ, ווו ס'האָט זיכ דער גרענעצ צעפיבערט.
אונ ווענ עס וועט פוילנ אונדז קומענ באפרײַענ,
זאָלנ די זומפּנ זיי דינענ מיט ליבע...

— זאָל לעבנ די ארבעט,
וואָס שעדיקט די מי.
— כי־כי...
— כי־כי...

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

ווער גייט, ווער קומט אינמיטנ דער נאכט?
ווער האָט די טירנ אונ פענצטער באוואכט?
ווער האָט צעטרייסלט די נאכטיקע רו?———
ג.פ.או.! ג.פ.או.! ג.פ.או.! ג.פ.או.!

ראמזינס—אזועפס!
ענג אײַכ אינ מײַנ לאנד!
איר גייט ארומ מיט קעצישקײַט אינ טריט...
אינ בענקשאפט נאָכ געטלעכנ איפּריט, [1]
אונ איכ וועל אײַכ באלד שטעלנ צו דער וואנט.

איכ בינ אליינ דער אייגענער קלייזײַענ,
אונ ס'וועט מײַנ האנט ניט ציטערנ פאר פרייד.
אונ טראכטנ וועל איכ דעמלט שטילערהייט:
— קאינ, קאינ.

---

[1] דאָבראָדזיע—הערנ, Господа.

[2] איפּריט—א גאז, וואָס מאכט אָנ וווּנדנ.

איכ גדייס זיכ איצט מיט דעמ, וואָס אפ מײַנ ערד
שטייט אינ וואכט א שטאָלצע ג.פ.או.
אינ יעדנ בלענד פונ שארפנ שווערד—
די אָפגלאנצנ פונ קומענדיקער דו...

פרימאָרגנס אונ מענגעס. זינג, געזאנג.
מענגעס אונ פאָנעס אונ מונטערער גאנג.
שולנ צעעפנט. אומ?—גראָד!
קלייסטערס צעעפנט. אומ?— גראָד.
אונ ס'הילכט שוינ די שטאָט
אונטער מונטערנ טראָט.

ארבעטערקעס, ארבעטער, קוסטארקעס אונ קוסטארנ
גייענ נאָכ א פריילעכער אונ גאָלדענער לעווײַע.
אפּאָנעס, אז דער בארמענענ איז קיינעמ שוינ ניט טײַער,
ווײַל קיינער טוט ניט יאָמערנ אונ קיינעמ טוט ניט ארנ.

וו זײַנענ די זאָגערקעס אונ ווו די שווארצע מיטע?
ארומגעלומפערט ראנגלט זיכ א פריילעכער אָרקעסטער.
רויק, ברידער־ארבעטער, רויק, ברידער־שוועסטער,
לאָמיר נאָר ניט אופוועקנ דעמ בארמענענ אינ שליטנ.

ווער איז דאָס דער בארמענענ? אונ ווער איז דאָס דער פייגער?
ווער איז דאָס געשטאָרבנ דאָ? ווער? אונ וואָס? אונ ווענעס?
לאָמיר איצטער אָפּזאָגנ דאָ: בארוכ דאיאָנ עמעס.
געשטאָרבנ שוינ דער זונטיקדיקער, שאבעסדיקער שטייגער.

שפאנענ פערד פארוויקלטע אינ ליכטיקע טאלייסימ,
גײַחעדיק אונ יאָנטעוודיק אינ פאָרכט פונ די פאפאָנעס.
מאכנעס—מענגעס מונטערע—קאָלאָנע נאָכ קאָלאָנע
אונ שליטנס שווער באלאָדענע מיט ברוכ אונ... שיידימ ווייסנ.

קליאקעס ברוינע־בײַכיקע, פוזאטע סאמאָווארנ,
אוירינגלעכ אונ פינגערלעכ פונ די „טאבאאס־קדושנ“,
פענגלײַכטער פארגאָסענע מיט כיילעוו פונ יערושע,
מיט טאנע־בארע, ברעטער־טארע, טארי־ראסטאבארי.

גלעקער געלע־וואָגיקע מיט אָפגעהאקטע צונגענ,
די פריידנ [1]) שווער פארבלוטיקע, נאָר וואָס פונ דער שכיטע,

---

[1]) פריידנ—די פאָדערשטע טייל פונ א געקרילעטער בעהיימע, שטיקער פלייש.

און ס'ליגן דאָ פּאַרטוליעטע אין שאַבעסדיקן ציטער
בעכערלעך־כאַזיירימלעך נאָך ווײַסינקע און יונגע.

פון שליטנס טראָגט מיט ווײַרעכ־רויך, מיט היימישקײַט פֿון אויוון,
מיט אָפּגעניצטע לידעלעך פון—„ראָזשינקעס מיט מאַנדלען"...
און ס'דאכט—עס ליגט אין שליטן דאָ מיט ליפּן צוקערקאַנדלענע
א וואָלענע קורצזיכטיקע סאָרעניר־באַס־טויווים. [1])

מע וועט עס אַלץ אוועקפירן אין שטרענגן קרעמאַטאָרי,
ווו ס'וואַרטן ניט־דערבויטע נאָך און גלאַנציקע מאַשינעס.
דאָרטן וועט דער באַרמענער זײַן טיקן שוין געפינען [2])
אין האַרטע רייד פון טראַקטערן און רעוועס פון מאָטאָרן

רעדער־רייד,

רעדער־פרייד,

רעדער ריידן האַרטעהייט.

דרײַונדרײַסיק טראַקטערן ריידן אפן טראַקט,

דרײַונדרײַסיק טראַקטערן רײַסן אוף דעם טראַקט,

ווײַסן־רײַסן

פלאַכטעסווײַז

און—

גיבערדיק־גנעשמאַק.

הילכיקע ראַבוועס. געהאָרכזאַמע זון.
טראַקטערן ריידן מיט האַרטן געברום.
דרײַסיק דרײַ טראַקטערן. נאָך. נאָך.
רײַסן דעם קוילעך פון זעטיקן מאָך,
רײַסן די ערד מיט אַן אײַזערנעם קאַם.
און ווייכע פּאַלאָסעס, ווי כוואַליעס אין יאַם.
ווייכע פּאַלאָסעס—גערום־און־גראַם.
ווייכע פּאַלאָסעס—ביזן כאָפּ מיטן אויג.
און פרילינג וועט קומען מיט שעפע פון רויג,
מיט רויגן,

אין זויגן

ביז גרונטן

צעמישט...

און סאָווירטן וועלן זײַן

און קאָלווירטן וועלן זײַן

סאָציאַליסטישע.

---

[1]) סאָרע באַס טוווים—די טעכאַבערטע פון מינצטערע רעליגיעזע טפילעס (טפילעס) פאַר ווײַבער.

[2]) טיקן—געפינען זײַן גרעהעריקע אָנרעגרונג.

VIII. סטאַלינסטאַנ

גאַנצע 3 יאָר האָט די בויונג געדויערט.
ווײַסרוסישער טרויער
אינ ציגל פאַרמויערט—
סטאַלינסטאַנ.

אַפּ טאָרפנ צעפּוילטע, אַפּ ברוינע, אַפּ גרינע,
אינ פלינקע טורבינעס
ועט כּיעס געפינענ—
סטאַלינסטאַנ.

דורכ דיקע געפלעכטנ פונ אָדערנ־דראָטנ
ועט אוראַלטע בלאָטע
איצט אופגייִנ געראָטנ —
אינ סטאַלינסטאַנ.

אײַלט איצט אַ מונטערער צוג בריגאַדירנ,
דורכ אָפענע טירנ
ער ועט אונדז דערפירנ—
קיינ סטאַליסטאַנ.

...אונ אַפּ די פרישע קאָרפּוסנ אונ אַפּ די הויכע ווענט
אָטעמט נאָכ די וואַרעמע באַגײַסטערונג פונ הענט...

בריגאַדעס הייסע־העפטיקע אינ פרייד פונ שלאָגלערײַ
האָבנ אָט די געגנט דאָ פונ איינזאַמקײַט באַפרײַט.

זיי האָבנ דאָ געבונטעוועט מיט ציגל אונ מיט ליימ,
געבונטעוועט־געגרונטעוועט אונ מונטערקײַט פאַרלייגט.

דאָ האָבנ זיכ נאָר בושעלעס אונ ווילדקײַטנ געשפּײַוט.
זומער—קויטיק־כליופּיקײַט, ווינטער—טויטער אײַז.

קיינער פלעגט ניט דורכפאָרנ אונ קיינער פלעגט ניט גיינ:
עס פלעגנ נאָר די וועלפיכעס אינ עלנטקייט פארגיינ...

אינ פארוויינטע אָזוערעס האָט הימל זיכ געוויקט
אונ ס'האָט די זונ פונ ליידיקייט זיכ בלינד געמאכט
אנ אויג.

שטייענ איצטער קאָרפוסנ. אונ אפ די פרישע ווענט
אָטעמט נאָכ די ווארעמע באגייסטערונג פונ הענט...

אינדוסטריע, אינדוסטריע, דו שלעפסט נאָכ זיכ מײַנ לאנד...
רויקער.
עס עפנט זיכ
דער—
ס ט א ל י נ ס ט א נ.

סטאלינסטאנ,
סטאלינסטאנ,
ווער איז דאָ בא דיר פאראנ?—
פונ פארטיי,
פונ פאריינ.

אונ ווער ס'האָט אליינ
זיכ געלאָזנ אינ גיינ,
האָט א מענטשישע קייט
אימ פארכאפט אונ פארדרייט
אונ מיט אלעמענס פרייד
אימ געבראכט אונ דערטראָגנ אהערצו.
רויקער. ס'ריידנ איצט הערצער.
רויקער. רויקער.
ס'הערט זיכ:
—אל-לאָ!
—אל-לאָ!
—אל-לאָ!
— אינ דער-אָ דערהייבענער שאָ
הייבט אָנ די געגנט צו לעבנ!
—וויטעבסק!
—אונ אָרשע!
—דובראָוונע!
—אונ שקלאָוו!

— זאהאָריע!
— זאפּאָליע
— קאפּוליע!
— דערפלעך פּאַרנורעט אין שטרייענעם שלאָף
— שטעטלעך—אַם כאָרעווע קוליעס.
— גרייט זיך!
עס רוקט זיך
די העכסטע
מינוט.

הייס וועט א שטראָם טאָג עלעקטרישע בלוט,
הייס וועט א שטראָם טאָג מיט כיעס און מוט
גרייט זיך!
— מע גרייט זיך!
און———
ס'פּלאַצט די מינוט...

און וויטעבסק—צו מאָסקווע:
— וויוואט-קילאָוואטו!
און מאָסקווע—צו וויטעבסק:
— וויוואט-קילאָוואטו!
וויטעבסק—צו אָרשע:
— דו הערסט, בריגאדיר?
אָרשע—צו וויטעבסק:
איך הער, בריגאדיר!
און שטעטל, און דערפל:
— עס לייכט שוין בא מיר.
דו הערסט, בריגאדיר?
—עס לייכט שוין בא מיר.
און אַלע צוזאמען;
—דעם פינפיאָר אין פיר!

אינהאלט

		זײַט
	מאָכן	5
II.	ווײַנענדיקע ווייקן זיך	13
III.	בויש	17
IV.	דו פּילסט, וואָס וועט זײַן	22
V.	עס האָבן זיך באַרויִקט די לעפּל אין די הענט	29
VI.	אין בוידנג־בוי פון אונדזערע געוועטן	33
VII.	— כי־כי־.. כי־כי...	42
VIII.	סטאַלינסטאַב	48